בעי – 1.

ב ע י – דער, |=ען?|. (אמ. נא) ים-איינגוס, גאלף.

(?נ?) 1924 " איין פענצטער בלויז, וואס גייט ארויס צום

9451 בעי – // א טייך אזא, וואס ציט זיך ווי א לאנגער

עקו// פון ים ארויס". מלה, די גאלדענע פאווע,

קליוולאנד, ז' 198.

1944 " דער בעי איז געשפרייט, // ווי א טישטעך

9449 פאר יאכטן". נאד, מודה אני, נ"י, ז' 107.

(?נ?) ב ע י ד נ א – ד ר י ת ח א |בעידנע דריסכע| –

אדוו פר. (לל) אין מצב פון אויפגעקאכטקייט,

פון כעס, אויפגערעגטהייט. % ס'האט זיך אים

בעידנא-דריתחא ארויסגעכאפט א שארפע קללה.

1961 " ער האט בעידנא דריתחא אים טיף ווייַ געטאן".

זש' איק 12/V.

ב ע י ה ו ז – דער, =ן. שרעקעוודיקער, פחדן.

.........................................................

רעד: ביי אונדז (לויצק, וואלין), האט מען געזאגט

ווי אין אוקראיניש: "באיאהוז", אדער

קירצער "באיוז").

Ук: Богуз

.........................................................

1935 " לויטן מאטנס רייד איז אויסגעקומען, אז איך

9454 בין א בעיהוז, אז איך דערזע בעריש דעם פאסעסאר,

לויף איך אוועק". נאד, טעג פון מיינע טעג,

~~[illegible]~~

ב ע י ל ה |בעילע| – די, מצ בעילות |בעילעס|.

(לל) דאס באזיצן, באמאנען א פרוי, דער סעקסועלער

אקט פון מאן.

1958 " גאנץ וואלקעניק קאכט מיטן ליפנישקער עילוי,

9457/ג אז ער האט בועל געווען א בעילה-זנות א משוגענע

פרוי, |...| דערצו אן אשת-איש". חג, טאג

24/X.

ם |?1685| "אונזרי חכמים אין דער גמרא האבן דש

9458/א ערשט מאל בייא דער כלה דרום גיהיישן בעילת מצוה

דש איין מצוה איז". עפש, דרך הישר לעולם הבא,

קליוולאנד, ז' 198.

1944 " דער בעי איז געשפּריים, // ווי א טישטעך
9449 פאר יאכטן". נאד, מודה אני, נ"י, ז' 107.

(?נ?) ב ע י ד נ א - ד ר י ת ח א |בעידנע דריסכע| -
אדוו פר. (לל) אין מצב פון אויפגעקאכטקייט,
פון כעס, אויפגערעגטערהייט. % ס'האט זיך אים
בעידנא-דריתחא ארויסגעכאפּט א שארפע קללה.
1961 " ער האט בעידנא דריתחא אים טיף ווייגעטאן".
זש' איק V/12.

ב ע י ה ו ז - דער, =ן. שרעקעוודיקער, פחדן.

רעד: ביי אונדז (לויצק, וואלין), האט מען געזאגט
ווי אין אוקראיניש: "באיאהוז", אדער
קירצער "באיוז"). Ук: Богуз

1935 " לויטן טאטנס רייד איז אויסגעקומען, אז איך
9454 בין א בעיהוז, אז איך דערזע בעריש דעם פּאסעסאר,
לויף איך אוועק". נאד, טעג פון מיינע טעג,
נ"י, ז' 50.

[illegible]

ב ע י ל ה |בעילע| - די, מצ בעילות |בעילעס|.
(לל) דאס באזיצן, באמאנען א פרוי, דער סעקסועלער
אקט פון מאן.
1958 " גאנץ וואלקעניק קאכט מיטן ליפּנישקער עילוי,
9457/ג אז ער האט בועל געווען א בעילת-זנות א משוגענע
פרוי, |...| דערצו אן אשת-איש". חג, טאג
X/24.

ם |?1685?| "אונזרי חכמים אין דער גמרא האבן דש
9458/א ערשט מאל בייא דער כלה דרום גיהייסן בעילת מצוה
דש איין מצוה איז". עפש, דרך הישר לעולם הבא,
פפד"מ, תמ"ה |?|, דף ע - II.

1723 " פרעה האט ניט גלוזן די ווייבר גין טבילה,

9457/א // דר ווארטין זי זאלין ניט קומן צו דר בעילה,

// עז זאל זיך ניט מערין דער יודין שטאם |...|".

ש"ה, תפ"ז, פרק י.

ב ע י ן |בעאַין| - אדוו. (לל) מיטן אויג צו זען, באשיימפערלעך, פאקטיש.

1890 " נאר דער פאקט איז דא בעין |...|, אז דער

9459/ב לוקסוס איז זייער גרויס ביי אחב"י|אחינו בני

ישראל|". ייפאל, נ׳ 3, ז׳ 3.

1945 " |...| כאטש דער חמץ איז דאך ניט ׳בעין׳,

9459 מען זעט דאך אים ניט". איבז פיעט, משניות,

חלה, א - ב.

1957 " איך האב בעין געזען, ווי די מענטשן האבן

9459/א אזא גרויסע רוחניותדיקע קראפט, אויסטאן זיך

פון דעם וואכעדיקן לעבן". לדב, נ"י, דף קי"ט.

ב ע י ן - ט ו ב |בעאַין טאָוו| - אדוו פר. (לל) גוטגינציק, גוטוויליק.

1883 " |...| ווער עס בענטשט דעם חבר, וויל הקב"ה,

9463/ב ער זאל אים בענטשן בעין טוב ובלב טוב |...|".

נופת צופים !!, ווילנע, ז׳ 56 - !!.

ב ע י ן - י פ ה |בעאַין-יאָפאָ| - אדוו פר. (לל) גוטגינציק, ברייטהארציק, מיט א ברייטער האנט, פארגינעריש.

1821 " דרום גיהער דער מענטש צו זעהן אז ער האט
אורחים אין זיין שטוב זאל ער זייא גיבן עסין 9461
בעין יפה, דאש הייסט ער זאל זייא דאש פאר גינן".
קה, סדילקאב, תקפ"א, פרק כה, דף ד - I.

1898 " מיר זענען עובר אויף דעם דין, אז מען זאל
געבן בעין יפה, מיר זאלן נישט באליידיקן דעם 9460
ארעמען". נ. ה. ניימאנאוויץ (הנ"ץ), דיא
ביידע הערשעלס, ווארשע, ז' 43.

1936 " זיי זאלן קענען פרנסה געבן דעם ווייב און
קינדער בעין יפה". מחזור ע"ט, בית ישראל 62
|...|, יום-כיפור, ווילנע, ז' 15.

ם 1626 " |...| נאך איין פשט וועג איינר איינום
עני קרוים גיבט בעין יפה איז בעשר דז ער אים ג/9462
פעט פלייש גיבט צארנדיגרהייט". סהמ, משלי,
טו - יז, לובלין.

1743 " ע"כ גיב איטליכן גוטן יידן |יודן?| איין
עצה זאל צדקה געבן בייא זיין לעבן בעין יפה". ג/9462
קה, פיורדא, דף לג - 4.

ב ע י נ י ם |בעעינאים| - אדון. (לל) מיט די אייגענע (?נ?)
אויגן.

1894 " זיי האבן דאך פאלשע עדות געזאגט, אז זיי
האבן טאקע אליין בעינים געזען ווי ער האט 9465
אונטערגעאשט". א. מרגליות, דיא געפוננענע
עלטערין, ווארשע, ז' 10.

ב ע י נ י  ר א י ת י |בעייני ראַיסי| - פּראזע.

(לל) מיט מיינע (אייגענע) אויגן האב איך עס
געזען (געזאגט צו איבערצייגן עמעצן אז דאס וואס
מע זאגט, כאטש עס זעט אויס אויסטערליש, איז
אמת).

... " און בעיני ראיתי - געזען האב איך מיט מיינע
אויגן, ווי איינער פון זייערע לייט האט א קוש
געטון דעם 'מסתרי פאריז'". פרץ, יוחנן דעם
מלמדס מעשהלעך, ציט אויסג.... 9464/ב

... " טוביה האט ליב צו דערציילן א זאך, וואס
טאקע בעיני ראיתי - ער אליין האט עס דורכגעמאכט".
שע, טביה |...|, ז' 224. 9464

1975 " בעיני ראיתי, כ'האב געזען מיט די אייגענע
אויגן שבחן |דעק אנדרוגינוס| איך א זשופּיצע און
איך א ספּאדעק". באש, אנדרוגינוס, דער שפּיגל [...]
ת"א, ז' 191. קאנק

ב ע י ן - פ ק ו ח ה | בעאַיִן פּ(ע)קוכאַ| - אדוו פר.
פּפּ (אראמיש) בעינא פקיחא |בעיינאַ פּקיכאַ|. (לל)
מיט שטארקן אויפמערק (קוקן, זען, אכטונג געבן).

1897 " האט די יונגע פרינצעסין |...| אכטונג געגעבן
בעין-פקוחה אויף די זיידן-ווערעם |טעקסט:
זיידענווירמער|, עס זאל זיי קיין זאך ניט פעלן".
ווארשעווער יודישער פאמיליענקאלענדאר, הערויס-
געגעבען פון מ. ספעקטאר, ווארשע, תכנ"ז,
ז' 106. 9463

1925 " |...| יע, דער וואס וויל זען און פארשטיין,
זעט גאנץ גוט בעינא פקיחא, וואס דא טוט זיך
איצטיקע מינוטן". י. י. זאנענזאן, תשובה או
שערי תפלה, ווילנע. 9463/א

ב ע י ס ב א ל - דער, בא. (אמ). ספארטשפיל, פארשפרייט אין די פאראייני- (E: baseball) ניקטע שטאט.

1974 "דער גלח האט געזאגט, |...|, אז |ער| וועט דארטן זוכן א באלעם פאר בעיסבאל". י. עלבערג, אויפן שפיץ |...|, מאנטרעאל, ז' 338. 9466

ב ע י ק ר |בעיקער| - אדוו, פּפֿ דער עיקר |דער איקער|. איבער הויפּט, אין גרונט, הויפּטזאכלעך.

% דער מגיד האט אין זיין דרשה בעיקר גערעדט וועגן ענין צדקה. ער לייענט אין א סך שפּראכן אבער בעיקר אין ענגליש.

1972 "ער האט זיך איינגעהערט אין זיין אייגענעם יידיש און עס באריכערט מיט געהערטן און בעיקר געלייענטן יידיש". ד. סדן, ~~גשי~~ גק נ' 76, ז' 88. 9472 באר א/1517

1974 "מיין טאטע האט בעיקר זיך געזארגט וועגן דער פרומקייט פון זיינע חסידים". י. עלבערג, אויפן שפיץ |...|, מאנטרעאל, ז' 368. 9468

0 כופר-בעיקר |קויפער=...| - דער, מצ כופרים... |קויפרים=...|. (לל) 1. אן אפיקורס וואס פארלייקנט דעם גרונט-פּרינציפּ פון רעליגיע - די עקזיסטענץ פון גאט.

1935 "ביינוש איז א כופר בעיקר! - האט ער געשריגן - א פושע באלוקי ישראל!". באש, דער שטן |...|, ווארשע, קאנק 48/79 - II. 9468/א

2. (פיגו) איינער וואס לייקנט ערגעץ אין א גלויבן וואס פיל(ע) זענען מודה אין.

ב ע י ר ו ם = ו ב ח ו ס ר = כ ל |בעעירעם-און-וועכויסער-קאָל|

– אדוו פר. (לל) נאקעט און בלויז, אָן גארניט, אָן קיין שום פארמעגן.

1937 " די יידן אויף דער באן |...| ס'ווייעט פון זיי
בע-328 מיט דחקות, ארעמקייט, וואס דערמאנט אים אין דער
צייט, ווען די היימלאזע יידן זענען אנטלאפן
פון די פאזיציעס און ארומגעוואלגערט זיך בעירום-
ובחוסר-כל ביי אים אין שטעטלע". י. סמאליאזש,
היים און פרעמד, ווארשע.

1938 " בעירום-ובחוסר-כל – נאקעט און בלויז.
בע-328 אין די מונדארטן פאלקס-עטימאלאגיע געאנדערשט:
בוירע פכויסע קויל; |...| בוירע פכויסער |...|
זיבן קינדער גייען בוירע ווייכויסער" נפ,
ייפא, נ' 3, ווארשע.

ארויס(גיין), בלייבן בעירום-ובחוסר-כל –
פארלירן דאס גאנצע פארמעגן. % פון דער שריפה
זיינען זיי ארויס בעירום-ובחוסר-כל, ממש אין
איין העמד און אן א דאך איבערן קאפ.

1882 " איך בין געבליבן בעירום-ובחוסר-כל און מוז
ד/9478 איצט שווער און ביטער הארעווען, איך זאל ווייב
און קינדער ערנערן". ייפאל, נ' 48, ז' 742.

1972 " מילא, וועט מען ארויסגיין בעירום-ובחוסר-כל,
ג/9478 מיט א שטעקן און מיט א זאק". ב. רעסלער,
דער גאולה אנטקעגן, זש' איק, נ' 36, ר"ה.

לאזן עמעצן בעירום-ובחוסר-כל – צונעמען אלץ, רויבירן.
% בעת דעם פאגראם האט מען באראבעוועט, געלאזט
בעירום-ובחוסר-כל.

1755 " האט פון זיא אלש אוועק גנומן אפילו דש
9478/א ברוט וואז זיא ביי זיך גיהאט האבן. דא זיין זי
גבליבן (בעירום ובחוסר כל) אפילו אן ברוט".
גזירה/מדינת אוסטרייך, ספר מעשה ה' אמשטרדם,
ציט הש !!, ז' 20.

בער ! - אינט, פפ באַך. (אנאַם) קלאַנג ביים
פאַלן פון א שווערער זאַך/קערפּער, אויך עמעצנס אַן
אויסרוף, ווען ס'פאַלט עפּעס אַראָפּ. % דער קאַסטן
האָט זיך שאַרף איבערגעבלויגן און - בער! - ער
ליגט שוין איבערגעקערט.

... " יעדער טריט האָט געקאַסט מיין בידנע פערדל א
9483 סך בלוטיקן שווייס, עס האָט זיך געשלעפּט א פּאָר
טריט און בער מיט דעם קאָפּ אין דער ערד געפאַלן".
ממוס, דער חילוף |?|, ז' 5 |?|.

" געפאַלן בער אויף פר' ערד". ממוס, 1888
9481 ווינטשפינגערל !!, ~~2348 ce~~ 348 אלע ווערק, ווילנע 1913, ז' 348.

בער !! - די, פפ בערכן. (עלט) מצ פון באַך/באַך
(טייך, שטראָם)

?נ? ב ע כ ט ע - די, =ס. (שלש) עפעס וואס איז מגושמדיק, צו דיק, שווער.

1953 " זי טראגט איר פולן גוף - א בעכטע - // און טרעט צופרידן אין איר גאנג, // הגם איר פנים רעדט פון נעכטן |...|". ע. קארמאן, פארטרעט, זש' פאש, VIII/28, ז' 5. 9494-9496

.........................................................

רעד: אין קארטל איז ציטירט די הערה פון מחבר, וואס טייטשט אויס דאס ווארט אזוי: " דאס ווארט 'בעכטע' איז אויפגעקומען אין יידיש (קיעוו, אוקראינע) בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה, גענומען פון ' די גרויסע בערטא' - דעמאלט דער גרעסטער קאנאן. פון 'בערטא' איז אין פאלקסמויל און אויססופראך געווארן 'בעכטע, וואס באצייכנט אלץ וואס איז מגושם, ברייט, דיק און שווער".

ב ע כ ל - דאס, =עך. פקפ פון באך/באך (טייך, שטראם).

.........................................................

?נ? ב ע כ ע וו - (טאפ) נאמען פון א שטעטל אין לובלינער געגנט.

ל דרייט זיך א דייטש אין בעכעוו - |באטייט?|

בעכעווער גנבים - צונאמעניש. 9503

ב ע כ ע ן I - טרוו. (שש) שלאגן, געבן קלעפ; בוכען.

1929 " אז ס'קומט אים נאר אן דער טראַנץ, בעכעט ער זי אָן און מאכט איר סיניאקעס אויפן גאנצן לייַב". 9504
א. אבטשוק, הערשל שאמאי, זש' אלמאנאך וואוספפ, כארקאוו, ז' 36.

ב ע כ ע ן II - אוטוו. (לאקל?) 1."שטארק הוסטן"|קטוו|.
2. טרוו. (לאקל) "האַקן האַלץ" |קטוו|.

........................................................
רעד: כ'האב ספקות לגביביידע טייטשן פון זאמלער. קיין ליט. מקורים ניטא, אין קארטל נישטא אפילו קיין ביישפיל.
........................................................

ב ע כ ע נ צ ע - די, =ס. (שש) דומפיקער, טויבער קלאפ אין קערפער; בוכענצע.| שע IV, 149,239|. 9506

........................................................
רעד: געפינען די אנגעגעבענע ציטאטן.
........................................................

ב ע כ ע ר - דער, =ס. 1. א געפעס צו טרינקען ווייַן, בראנפן אע, געמאכט ס'רוב פון מעטאל (זילבער א"א), צילינדער-פארמיק, אונטן פארקיילעכיקט, אן א פיסל.
% פאר אליהו הנביא שטייט א פולער בעכער מיט ווייַן.
דאס גילדענע בעכערל איז נאך א ירושה פון זיידן.

" הט דער חכם זיי |די אבנים טובות| זיי גנומן
9521 און הט זיי צו קלאפט און הט גנומן א בעכר ווייך
און הט זיי אריין גשיט און |אין| דעם ווייך".
סיפורי מעשיות פון ר' נחמן בראסלעווער, מעשה
מחכם, |ז' יח/א|, (אוסטרהא).

1873 " |...| האט משונה הנאה, טרינקט פאר שימחה
אויס א בעכער ווייך". ממוס, די קליאטשע,
קאַנק: 328000.

1935 " ר' גדליה האט מיט געניטשאפט זיך אנגעגאסן
9521/א א הויכן זילבערנעם בעכער |...|". באש,
דער שטן |...|, ווארשע, (קאנק: 114/327 - IV).

1946 " די צדיקים אין גן-עדן הייסן זיך געבן בעכערס
9521/ב מיט יין-המשומר, כדי צו טרינקען לחיים".
ייט, פוילן II, נ"י, קאנק:289.

2. (באט) סיסטעם פון גרינע בלעטלעך, וואס געפונען
זיך אונטער די קרוינבלעטלעך פון א בלום און הילן
איין דעם קנאָספ; בלומען-בעכער. % די בלומען פון
ליין האבן א בעכער פון פינף טיילן און פינף בלעטלעך
אין דער קרוין.

3. (אסטר) איינע פון די דרומדיקע קאנסטעלאציעס פון
הימל-קערפערס.

|| בעכערל - 1. פקפ פון בעכער. ב' 1.

1948 " שויך ניט דאס פסחדיקע בעכערל געווען איז
9571 זייך פארמעג |...|". פמ, מילכאמע, מאסקווע, ז'78.

2. (באט) פקפ פון בעכער ב' 2.

1922 " גאר פון דרויסן, אונטערן קרוינדל, געפינט
9563 זיך א גרין בעכערל פון פינף |...| בלעטלעך".
איבז א. גאלאמב, ג. באטש, געוויקסן I, ווארשע,
ז' 15.

3. איזאלאטאר אויף א טעלעגראף-סלופ |טערם פיזיק,
די נייע שול, ווילנע 1920|.

1933 " ער האט פלינק געפויזעט אויפן טעלעגראף-סלופ,
9578 ווען ער האט דערלאנגט די בעכערלעך (איזאלאטארן),
האט ער ארויסגעשלעפט א בייסצוואנג |...|".
ש. גאדינער, דער מענטש מיט דער ביקס|| מאסקווע,
ז' 133.

בעכערדיק - אדי/אדוו. וואס זעט אויס ווי א
בעכער. % בעכערדיקע מוסקלען |סטוטש 240|.
ארכידעען, וואסער-ליליעס האבן בעכערדיקע בלומען.

1959 " רויטע, ראזעווע און מילך ווייסע טולפאנען,
9566 // אפן בעכערדיק ביז אוונט טרינקט איר זון צו זאט".
הל, לידער צום אייביקן, נ"י, ז' 26.

0 בעכער-בלעטל(באט) דאס, =עך. טייל פון א בעכער
ביי א בלום.

בעכערגלאז - די, = ~ גלעזער. געפעס געניצט אין
כעמישע לאבאראטאריעס |סטוטש 218|.

9554 בעכער-געוויקסן - (באט) נאמען פון א געוויקסן-
משפחה|סטוטש 249|.

~~הדס-בעכער |האדעס=...| - דער, =ס. |דזוו הדס-פושקע?|.~~

טרערן-בעכער - --= בעכער פון טרערן.

קידוש-בעכער - דער בעכער וואס איז ספעציעל באשטימט
פאר דעם הויפט פון דער משפחה צו מאכן קידוש.

1975 " דער קידוש-בעכער האט געפינקלט מיט גאלדיקן
9561 אַפשיין". ו. קארמיאל, זש׳ צוק, דעצעמבער,
ז׳ 397.

רביעית-בעכער |רעוויעס=...| - (עלט) |געפעס צו מעסטן?|.

" אויפן דיל זיינען שוין געלעגן אנגעווארפן 1935
9553 |...| א צוקער פושקע, א זיידענער טלית, |...| א
רביעית-בעכער". מק, זעלמעניאנער !!, מינסק,
ז׳ 172.

פפ: שיין ווי א גילדן בעכערל - זייער שיין,
געזאגט באזונדערס וועגן א שיינעם בחור, אחתן.
אויגן ווי די בעכער - גרויסע, שיינע אויגן.
זיבן העמדער ווי די בעכער, פינף מיט לאטעס, צוויי
צוויי מיט לעכער - (שפאטיש) ניט שיין.

בעכער פון טרערן(טרערן-בעכער) - אנזאמל פון צרות, פיין,
אומגליקן.
1910 " מיין ליד וועט אן איינזאמע תפילה דיר ווערן,
9533 // א בעכער פאר דיינע פארלאזענע טרערן". דא,
שטילע געזאנגען, ווארשע, ז׳ 46.

1956 " יזכור-בוך כעלם איז נאך א טרער אינעם טרערן-
9560 בעכער, [illegible] דער לעגענדע, ביים
כסא-הכבוד |...|". מ. שערמאן, יזב כעלם,
יאהאנעסבורג, ז׳ 674.

בעכער פון צרות (וואר: פון צער, פון ביטערניש,פורעניות )
דזוו דפוו.

... " שוין פול דער בעכער פון צרות |...|". ממוס,
בישיבה |...|, ז׳ 82.

" גאט האט אים געבענטשט און פארשאלטן צו טרינקען 1929
9539 פון דעם פולן, איבערפולן ׳בעכער פון צער און צארן׳".
בעמ IV, ...., ז׳ 57.

1963 "זי האט אפנים געהאט אפגעפאסט ביי זיך אויס-
צטרינקען דעם בעכער פון פורעניות ביז צום דנא". 39/א
באש, חורבן קרעשעוו, קאנק 242/653 - II.

ביטערער בעכער - דזוו דפוו.

1905 " קלאר ווי דער טאג... איך מוז שוין אויס-
טרינקען פון ביטערן בעכער ביזן דעק". |מחבר?|, 9549 בי-1599
אין א פינסטערער נאכט, זש' ארבייטער-שטימע,
נ' 25, ווארשע.

אנגעווירן דעם קידוש-בעכער - וועגן א פרוי, וואס
האט פארלוירן איר מאן.

שוו: אן אלמנה אז זי האט אפילו פיל בעכער, זיינען זיי
פול מיט טרערן - רייכקייט פארגיטיקט ניט פאר דעם
טויט פון מאן.

וואס קומט ארויס פון דעם זילבערנעם בעכער. אז ער איז
פול מיט טרערן - דער מיין דזוו דפוו.

ם בעכיר/בעכר

----- 1.

... " |...| דן הטן זי אן דען בעכיר אונטן גיהונגגן
|...|". מגל, שורה 267. 9518

1610 " |...| דא שטיט אין פסוק(כיס) איז טייטש בייטל
אונ' מן לייאנט עש (כוס) איז טייטש בעכיר, דאש 9519 ביי-3556
מיינט אזו דער ווייך שענק|ער| גיבט זייך אויג איך
בייטל |...| אונ' דער|טרינקר טוט זייך אויג איך בעכיר
|...|". טח, מדרשי ויקרא, י' - ט.

1752 " פרייטאג צו נאכט נאך דען בענשן זאל מען

לאזן אויף דען טיש שטין זיין בעכר מיט איין 9510 / בי 954

ביזל וואש ער גיבענשט האט דריבר". עח, דף מה - 4.

ב ע כ ע ר - ש ו ו ע מ ל - דאס, =עק. (באט) מין

שוועמל (ווסב) (Agaricus cantarellus). R: лисичка.

1920 " צום מין פלעטלדיקע שוועמלעך, וועלכע מען קען

עסן, רעכנט מען אויך דאס בעכער-שוועמל, אים איז זייער 9580

גרינג צו דערקענען לויט דעם העל געלן קאליר און די

פלעטלעך, וואס לויפן זיך אויף אונטן צו, צום פיסל".

איבז ד. האכבערג, א. שמייל, געוויקסן.

מאסקווע, ז' 149.